UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Di  Beshure /  Those in the Line

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/3hd732sh

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 90(1)

**Author**
Lazar Traister, Leyzer Treyster /

**Publication Date**
1978

**Copyright Information**
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לייזער טרייסטער / ניו־יאָרק

# די בשורה

(דערציילונג)

1.

מיט די עלנבויגנס אויפן ברעג טיש, די שפּיציקע גאָמבע אויף אַ האַנטפּלאַך, איז די באַלעבאַטיש־פרומלעכע, פערציקיעריקע אסתר, אַ הויזפרוי, געזעסן אין קיך — און שטראָמלעך טרערן האָבן געפלייצט פון אירע שוואַרצע אויגן.

וואָס האָט זי אין איר לעבן זינט דער חתונה מיט צוואַנציק יאָר צוריק? — האָט אַלץ אין איר, קלאַגנדיק, געמאַכט אַ חשבון. דער מאַן אירער, טאַקע אַן איידעלער, פון אַן אָרנטלעך־פרומער משפּחה, איז אָבער אַ קנאַפּער פאַרדינער. וואָס קאָן זי דערוואַרטן פון אים ווי אַן אָנגעשטעלטער אין אַ קראָם פון טעקסטיל סחורות? איר פיר־צימערדיקער אַפּאַרטמענט איז אָרעמלעך מעבלירט. דער טעפּעך, וואָס איר מוטער, אַן אַלמנה, האָט געהאַט געקויפט אין גאַסטצימער אַריין, ווי אַ חתונה־מתנה, איז אויסגעריבן. דער אַמאָליקער גאָלדקאָליר איז שוין לאַנג אָפּגעבליאַקירט. קליידער טראָגט זי וואָס זענען שוין יאָרן אַלט. צו פאָרן אויף זומער־וווינונג, אָדער אויף וואַקאַציע אין אַ גאַסט־הויז, קאָן זי זיך נישט פאַרגינען. און וואָס יאָ? די איינציקע פרייד אין איר חתונה־געהאַט לעבן איז געווען איר 17־יעריקע טאָכטער גלאַריע, וואָס וועט אין צוויי חדשים אַרום גראַדואירן פון דער שטאָטישער מיטלשול. אין איר, גלאַריע,

---

טעריסטיק פון שעפנערן דעם מענטש. די גרעסטע מערהייט פון זיינע טיפן האָבן בלויע אויגן. (דער „בונד" האָט געקאָוועט בלוי־אויגיקע פירערס). עפּעס, אפשר אין אונטערבאַוווסטזיין, האָט אים געצויגן צו דער מילדקייט פון בלוי: בלוי ווי דער ים; בלוי ווי דער הימל, בלוי ווי דער פרימאָרגן.

נישט געקוקט אויף דעם האָט ער פאַרמאָגט אַ קלאָר, דורכדרינגענדיק אויג; נישט פאַרטערערט און נישט פאַרשאָטנט. עס דערמאָנט זיך זיינער אַ פּליעטאָן אין וועלכן ער האָט באַשריבן די בהלה איבער דער שטאָט וואַרשע. די מענטשן זיינען געלאָפן וווהין די אויגן האָבן געטראָגן: אין די קעלערס אַריין, אונטער באַלקאָנען, צווישן טויערן און ווענט. אין אַזאַ מאָמענט האָט זיין געניט אויג אויפגעכאַפּט ווי איינער שטופּט זיך מיט אַ באַזונדערן כוח אין דער ענגעניש פון דער צעטומלטער מענטשן־מאַסע, ווי ער וואָלט אויסגעשריען: „לאָזט מיך, לאָזט מיך, איך מוז זיך דאָך ראַטעווען — איר זעט דאָך אַז איך דאַרף זיך ראַטעווען." אַט דאָס טראַגי־קאָמישע בילד, וואָס זאָל כאַראַקטעריזירן דעם מין מענטש, האָט בלויז געקאָנט אויפכאַפּן ברוך שעפנער. אויפגעכאַפּט און דערציילט, באַשריבן אָן כעס, אָן פאַרוואורף. ער האָט ניט געבליצט מיט קיין צאָרן, אויך ניט מיט קיין חכמה, נאָר געוואָרפן אַ שיין „זעט, אַט דאָס זיינען מיר..."

מען קאָן ביי אים טרעפן אַזעלכע „ראַזשינקעס":

„דער שטאָלענער קערפּער פון אַ דרוקמאַשין."

„אַ גלויביקער באַהעם".

„פאַדראַבנע פאַרענטפערט."

וועגן וויקטאָר שולמאַן — „ער קאָן פּשוט ניט באַנעמען קיין רשעות."

עס פאָדערט זיך אַ ספּעציעלער טאַלאַנט צו קאָנען שרייבן וועגן ערנסטע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע ענינים איז אַ פעליעטאָניסטישן סטיל און די ערנסטקייט זאָל דערפון גאָר ניט פאַרלירן. ס'זאָל גאָר ניט געמינערט ווערן פון דער וויכטיקייט פון דער זאַך. און דאָס איז געווען ברוך שעפנערס כאַראַקטעריסטיק אַלס אַ זשורנאַליסט.

עס דאַרף נאָך דאָ צוגעגעבן ווערן, אַז ברוך שעפנער האָט זיך פולשטענדיק אויסגעלעבט זיינע שעפערישע יאָרן — טאַקע אין כבוד און אין אושר (פרייד — נישט עושר) — אין בונד און מיטן בונד. באַליבט אָבער איז ער געווען ביי אַלע די, וואָס האָבן אים געקענט.

האָט זי דערזען דערפרייענדיקע סימנים פון אַן אַנדער מערכה, אַזאַ גורל וואָס זי, די מוטער, האָט אין אירע אייגענע יונגע יאָרן אפילו נישט געחלומט פון אים.

גלאָריע איז זייער אַ פּעאיקע: זי קריגט די בעסטע צייכנס אין איר שול־אַרבעט. די לערערס דערוואַרטן אפילו אַ סקאָלער־שיפּ פאַר איר צו קאָנען אַריינטרעטן אין אַ בכבודיקן קאָלעדזש. זיי זעען אויך פאָרויס אַז פאַר אירע נייע דערגרייכונגען אין די דאָרטיקע לימודים וועט זי קריגן הילף אַנצוקומען אין העכערע לערן־אַקאַדעמיעס. זי וועט דערגיין אַזוי ווייט, ביז זי וועט אויסוואַקסן אַ הויך־געלערנטע און מיט איר נאָמען וועט קלינגען נישט בלויז דאָס גאַנצע לאַנד, נאָר, אָן ספק, אויך די וועלט. דערצו האָט זי, גלאָריע, אַ דאַנק דעם רבונו־של־עולם, אַ וווּנדער־לעך־געבויט געשטעל, אַ פּאַרלייכטנדיק שיין פּנים און בלאָנדע האָר. שכנים און פרעמדע קאָנען גאָר נישט אַראָפּנעמען זייערע אויגן פון איר. יעדער האָט גרויס הנאה פון אירס אַ שמייכל. זי וועט זיכער קריגן אַ באַרימטן געלערנטן פאַר איר מאַן. אָבער מיט אַמאָל אַן אַראָפּפאַל.

נישט לאַנג צוריק איז דאָ אין קיך גע־ווען איר פריינדין לאַראַ, אַ הויכע שאַטינ־קע, אַ יפהפיה, וואָס גייט אַלע מאָל טענ־צלדיק. זי איז אָנגעטאָן אין שיין־מאָדישע קליידער און מיט אַ ציגאַרעטל אין מויל. זי קומט דאָ אַריין עטלעכע מאָל אַ וואָך. זי האָט נישט ווייט צו גיין. איר הויז, אַן אייגנס, איז אין דער זעלבער גאַס. מערסטנס רעדט זי וועגן קליידער, וועגן איר מאַן, וואָס איז אַ שותף פון אַ טעלע־וויזיע־געשעפט און קאָן נישט אויסקומען מיטן פּאַרטנער. אויך רעדט זי וועגן אירע איבערלעבונגען אין האָטעלן, ווו זי פאַר־ברענגט אָפט מיט איר מאַן אין די סוף־וואָכן. אויך וועגן פּלענער פאַר לענגערע וואַקאַציעס. היינט האָט זי אָבער דער־ציילט וועגן אַ וווּנדערלעכער דערגרייכונג פון איר טאָכטער דעבי, וואָס גייט אין זעלבן „הייסקול"־קלאַס מיט גלאָריען. זי האָט איבערגעגעבן אַז אַט נאָר־וואָס, אַ ווײַלע צוריק, האָט מען איר טאָכטער גע־לאָזט וויסן פון דעם מיטלשול־אָפּיס דאָס זי איז די איינציקע פון איר קלאַס צו קריגן אַ סקאָלערשיפּ. און ווי נאָר די טאָכטער האָט דאָס געהערט, איז זי גלייך אַוועק צו אַ טעלעפאָן און האָט איר, דער מוטער, אָנגעזאָגט די בשורה.

זי, אסתר, איז שיר־נישט אַראָפּגעפאַלן פון דער שטול. זי האָט געוואָלט אַ גע־שריי טאָן:

— דיין אָפּנאַרערישע דעבי האָט גע־קראָגן אַ סקאָלערשיפּ? זי, וואָס אַליין קאָן זי נישט מאַכן איר היים־אַרבעט? און ווען נאָר ס'איז איבער אירע כוחות, בעט זי מיין גלאָריע אַרויסהעלפן איר? אָ, גאָט!... וואָס פאַר אַ פירעכץ איז אין דער וועלט? ווו זענען מענטשנס אויגן און פאַרשטאַנד?

זי האָט אָבער דערשטיקט אין זיך דעם פּראָטעסט און גאָר געווונטשן דער פריינ־דין לאַראַ צו זען ביי איר טאָכטער אַ סך נחת. זי זאָל חתונה מאַכן דעבין מיט אַ חשובן און רייכן יונגנמאַן, און זיי זאָלן דערציען זייערע קינדער אַזוי, אַז זיי זאָלן ווערן אַ שטאָלץ פון זיידע־באָבע און פון יידישן פאָלק.

אַז די פריינדין לאַראַ איז אַוועק אַהיים, האָט זי, אסתר, נאָכן באַגלייטן זי ביז צו דער טיר, אָבער אויסגעבראָכן אין אַ געיאָמער. זי האָט זיך צוריקגעקערט דאָ אין קיך, אַראָפּגעלאָזט זיך אויף דער שטול ביים טיש — און פון דעמאָלט אָן הערט זי נישט אויף צו קלאָגן:

וואָס האָט זי אין איר לעבן זינט דער חתונה מיט צוואַנציק יאָר צוריק? איר איינציקע טרייסט איז געווען גלאָריע. יעדער אין איר קלאַס האָט פאָרויסגעזאָגט אַז בלויז זי, און נישט קיין אַנדערער, וועט קריגן דעם סקאָלערשיפּ. צום סוף איז זי גאָר אויסגעלאָזן געוואָרן. זי, וואָס האָט געהאַט די בעסטע צייכנס פון די לערערס, איז גאָר געוואָרן די הינטער־שטעליקע. אָ, גאָט, פאַרוואָס טוט ער זי, די מוטער, מער שלאָגן? איז איר געמאַ־טערט לעבן נאָך ווייניק? דאַרף ער אויך איר האַרץ שניידן מיט מער פּיין, מיט דורכפאַל פון אירע דערוואַרטונגען ביי דער טאָכטער? מוז אויך ביי איר איינציק קינד גיין אַזוי אָן הצלחה, אַזוי טריב ווי ביי איר, דער מוטער, און דעם פאָטער?

## 2.

אויף די שויבן פון די קיך־פענצטער האָט זיך באַוויזן אַ פלאַמיק־קריכנדיקע טשערעפּאַכע — אַן אָפּשיין פון דעם פייער אויפן מערב־הימל, ווו די אַפּריל־זון, אין שריפהדיקער אַנטוישונג פון איר שיינענדיקער חלום־נסיעה, האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך דעם מילדן פרילינג־טאָג.

יעדן ערב־נאַכט צופאַל, אַרום דער איצטיקער צייט, קומט גלאָריע אַהיים פון סקול. זי, אסתר, איז געוויינלעך פאַרפּאָרעט מיט צוגרייטן דאָס אָוונט־מאָלצייט פאַרן בני־בית. אָבער ווי פאַרטרודעט זי זאָל נישט זיין מיטן געקעכץ, האָט זי אַלץ אין זינען אַז אָט־אָט דאַרף זיך באַוויזן די טאָכטער מיטן פּאַק ביכער, וואָס זי טראָגט מיט בײדע הענט אונטערן בוזעם. דעמאָלט ווערט איר גאַנץ געביין דורכגענומען מיט אַנטציקונג וואָס באַלד וועט זי קאָנען קוקן אויף דער טאָכטער, אָנקווענלן פון איר שיינקייט, פון איר קלוגן אויסדרוק אויפן פּנים, און רעדן מיט איר ווי ס'איז איר דערגאַנגען אין סקול. איצט קוקט זי אָבער נישט אַרויס אויף דער טאָכטערס דערשיינען. זי פילט אַז זי קאָן אפילו איר אָנבליק נישט פאַרטראָגן. זי האָט צו איר אַזאַ ווידערווילן, ווי צו אַ מאָראַליש־געפאַלענער פרוי, וואָס אין דער שכנישאַפט דערוויטערט מען זיך פון איר מיט עקל.

צעמורשטשעט איר טראַכטן און אַריינטראַכטן האָט דאָס עפענען זיך פון דער אַפּאַרטמענט־טיר. אסתר האָט געוווּסט אַז דאָס קומט די טאָכטער. אַ ווײַלע איז זי געזעסן מיטן געדאַנק נישט אויפצושטיין פון דער שטול. זאָל די טאָכטער אָנהייבן זוכן און רופן ווו זי, די מוטער איז. זי איז דאָך געווינט צו זען די מוטער אַקעגנקומען מיט אַ שמייכל בעתן אַריבערטרעטן די שוועל. דאָך האָט זי זיך גיך אויסגעווישט די אויגן, אויפגעשטאַנען פון דער שטול און גענומען שטעלן טריט אין דער זייט פון דער טיר.

אין קאָרידאָר, אויפן וועג צו איר שלאָפצימער, איז גלאָריע — אַ הויך, שלאַנק, פאַרלייכטנדיק בלאָנד מיידל — געגאַנגען מיט אַ פּאַק ביכער אויפן פּאַסעק־שלעסל פון איר פרילינג־מאַנטל.

— האַלאָ, מאַ... — האָט זי אַן אויפגעהייטערטע אַ זאָג געטאָן, דערזעענדיק די מוטער אַרויסקומען פון דער קיך.

אסתר, אַזוי הויך און שמאָל ווי די טאָכטער, אין אויסזען עלעהיי אַן עלטערע שוועסטער, האָט געהאַלטן די הענט פאַרלייגט אויף הינטן און איז שטיין געבליבן. זי האָט צוריקגעגריסט די טאָכטער מיט „האַלאָ", אָבער איז געבליבן גלייכגילטיק צום ליכטיקן שמייכל, וואָס גלאָריע האָט אַריינגעבראַכט אין הויז.

— געהאַט היינט אַ סך אַרבעט אין סקול? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ — איז גלאָריע אויך געבליבן שטיין אין קאָרידאָר און האָט ווידער געשמייכלט.

— וואָסער אַרבעט?

— טעסטס...

— טעסטס? — האָט אסתר מיט פאַרשמעלערטע אויגן געקוקט און געפרעגט:

— אין וואָס?

— אין כעמיע און געשיכטע.

— בלויז אין די צוויי קעגנשטאַנדן?

גלאָריע האָט נישט געענטפערט און זיך געלאָזט אין שלאָפצימער אַריין אַוועקצולייגן דאָרט אויף איר שרייבטישל די ביכער און אַראָפּגענומען פון זיך דעם מאַנטל.

אסתר איז נאָכגעגאַנגען מיט דריבנע טריט און האָט געטראַכט וועגן די צוויי קעגנשטאַנדן. אין געשיכטע, ווי אין אַנדערע לימודים, האָט גלאָריע נישט קיין גלייכן צו זיך אין איר קלאַס. זי האָט אַלע מאָל געקראָגן צווישן 95 און 100. אין כעמיע האָט זי אָבער געדאַרפט שווער אַרבעטן צו באַקומען אַ גוטן צייכן.

אסתר האָט איצט אַ פרעג געטאָן מיט האַסט:

—איז וואָס האָסטו געקראָגן אין כעמיע?

אַוועקגעלייגט די ביכער, אויך דעם אַראָפּגעצויגענעם מאַנטל, האָט גלאָריע זיך געשטעלט פאַרן שפּיגל, וואָס איבערן קאָמאָד, גענומען אויסגלייכן אויף זיך דאָס געפּאַסטע ווייסע סוועטערל, פון וועלכן ס'האָט זיך שאַרף אַרויסגעצייכנט איר יונגער בוזעם, און געענטפערט: — 75.

אסתר האָט געשטעלט עטלעכע טריט נענטער צו איר.

— 75?! — האָט זי קנייטשנדיק די ליפּן געפרעגט מיט אומגלייבן. — אין אַ פריערדיקן טעסט האָסטו דאָך געקראָגן 85!

— יאָ!... — האָט גלאָריע אויפגעהערט קוקן אין שפּיגל און מיט פּאַרדראָס אויף דער מוטער פּאַר איר אַנטוישונג אַ געשריי געטאָן: — האָסטו דערפּאַר דערוואַרט 100?

אסתרס פּנים איז מיט אַמאָל געוואָרן רויט, ווי אָנגעצונדן פון פייער.

— פאַרוואָס נישט? — האָט זי געטענהט.

— וואָס, דו האָסט נישט קיין צייט צו שטודירן? האָסט נישט קיין גוטן קאָפּ?

גלאָריע, אַ באַלעסטיקטע פון דער מוטערס צושטיין מיט טענות, פון איר פּאַרלאַנגען מער און מער, העכער און בעסער, ווי זי טוט עס אַלע מאָל, האָט געצוימען אָפּקלייבן אויפן שרייבטישל די ביכער, וואָס זי וועט שפּעטער, נאָכן אָוונט־מאָלצייט, דאַרפן נוצן פאַר איר היים־אַרבעט פון סקול.

— איך האָב געטאָן אַלץ וואָס ס'איז נאָר מעגלעך געווען — האָט זי נישט קוקנדיק אויף דער מוטער, זיך פּאַרענטפערט: — כ'בין נישט געגאַנגען אין ערגעץ נישט נעכטן און נישט אייערנעכטן. כ'האָב זיך אָפּגעשלאָסן דאָ אין שלאָפצימער, געאַרבעט לאַנגע שעהען און שטודירט...

— איז פאַרוואָס האָסטו נישט געקראָגן מער ווי 75 אין כעמיע? — האָט אסתר מיט צונויפגעשפּיצטע ליפּן געפרעגט.

— ווייל דער היינטיקער טעסט איז געווען אַ שווערער.

ביי אסתרן האָט דאָס מויל געצוימען פּיבערן. זי האָט אָבער מער נישט געקאָנט רעדן. די יאָסלעס זענען ביי איר געוואָרן שטייף. געזען אַז די טאָכטער וויל זיך איבערטאָן אין אַ לייכט הויז־קליידל, זי שעמט זיך מיט איר נאַקעטקייט אפילו פאַר דער מוטער, איז זי, אסתר, אַרויס פון צימער. זי איז מיט דריבנע טריט אַריין צוריק אין דער קיך און זיך ווידער געזעצט ביים טיש.

3.

זיצנדיק אויף דער שטול, מיט די הענט פאַרלייגט אונטערן בוזעם, האָט זי אין דימיון געזען די גראַדואיר־צערעמאָניע וואָס אין צוויי חדשים אַרום קומט זי פאַר אין דער אוידיטאָריע פון הייסקול. זי, אסתר, זיצט אין דער אוידיטאָריע, וואָס איז אָנגעפּראָפּט מיט טאַטעס און מאַמעס, אויך מיט קרובים, און זי זעט ווי גראַדואַנטן — בחורים און מיידלעך — ווערן אויסגערופן פון פּרינציפּאַל צו קריגן אויסצייכענונגען. אַלע גייען אַרויף אויף דער עסטראַדע. אייניקע באַקומען ציטאַציעס, אַנדערע — גאָלדענע מעדאַלן. צווישן יענע, וואָס דער פּרינציפּאַל האָט געגעבן גאָלדענע מעדאַלן, געפינט זיך אויך גלאָריע. קיין איינדרוק מאַכט עס אָבער נישט. זי איז דען די איינציקע? וואָס עס האָט אָבער יאָ געמאַכט אַ רושם, איז געווען ווען ס'איז אָנאָנסירט געוואָרן דער סקאָלערשיפּ, און לאַראַס טאָכטער, דעבי, איז אַרויף אויף דער עסטראַדע צו דאַנקען דעם פּרינציפּאַל, אויך דעם עלטערן־קאָמיטעט, פאַר דעם כבוד וואָס איר איז צוגעטיילט געוואָרן. דערצו האָט זי זיך געטראָגן מיט אַזאַ פּאַרריסנקייט, עלעהיי זי וואָלט געווען אַ פּרינצעסין צווישן פּראָסטן פאָלק.

זי, אסתר האָט נישט געוואוסט ווו איר פּנים אַהינצוטאָן. פאַר חרפּה האָט זי געפילט ווי אַריינצוקלייגן זיך אין אַן אָפּן גרוב. לעבן איר זענען געזעסן קרובים, פריינד, שכנים — אַלע האָבן געזען און געהערט אַלץ. זיי האָבן זיך נישט אויסגעדרייט צו איר, אָבער איינער צום צווייטן האָט געשושקעט: וואָס איז דער מער מיט גלאָריע? אַלע מאָל איז דאָך געווען אַ טומל מיט איר, באַשר זי איז אַן אויסנעמלעך פּעאיקע, קריגט די בעסטע צייכנס... איצט זעט מען דאָך דעם אמת! אַלץ איז געווען שקר וכזב. דעם סקאָלערשיפּ האָט גאָר געקראָגן אַן אַנדערע. גלאָריע איז אַ תם...

צום ערגסטן וועט זי, אסתר, אָבער זיך פילן שפּעטער אין חדשים, אין דער אָנווענהייט פון לאַראַ, ווען דעבי וועט שוין גיין אין קאָלעדזש. זי, די גרינגקעפּיקע לאַראַ, וואָס בלאָזט זיך אַלע מאָל און קוקט אויף יעדן פון אויבן אַראָפּ, וועט דעמאָלט אונטערטענצלען מיט אירע שלאַנקע פיס, רייכערן ציגאַרעטלעך מיט גאווה, פּונקט ווי פריער דאָ אין קיך בעתן דערציילן

וועגן דעם סקאַלערשיפּ, וואָס איר טאָכטער, די איינציקע אין גאַנצן קלאַס, האָט געקראָגן. דורך אירע נאָזלעכער וועט זי קאָקעטיש אַרויסלאָזן רויך־ריגלעך און ווי אַן אַקטריסע אויף דער בינע רעדן מיט איינגעשפּילטער באַגלייבטקייט, אַז טאַקע נאָך איר טאָכטער איז געקומען דער סקאַלערשיפּ.

— מיין דעבי... — וועט זי שמייליק אַרויסרעדן אירע צוגעקליבענע ווערטער.

— די פּראָפעסאָרן אין קאַלעדזש זענען אַבסאָלוט איבערצייגט דאָס מיין טאָכטערס אינטעליגענץ איז פון אַ זשעניע... אַזאַ רעקאָרד ווי דער, וואָס דער הייסקול־אָפּיס האָט וועגן איר צוגעשיקט, האָט נישט צו זיך קיין גלייכן זינט יאָרן און יאָרן...

ביי אסתרן האָט זיך איצט עפּעס אַ דריי געטאָן אין מאָגן. זי איז אויפגעשטאַנען פון דער שטול, האַסטיק אַריין אין גלאָריעס שלאָפצימער און איז געבליבן שטיין מיט רוגזה אין די אויגן:

— און וויפל — האָט זי אַ פרעג געטאָן — האָט דעבי געקראָגן אין כעמיע?

גלאָריע — אין אַ בלויען דינעם הויזראָק, די שיין־געפורעמטע פיס אין סאַנדאַלן — איז געשטאַנען פאַרן שפּיגל און האָט זיך צעקעמט די לאַנגע בלאָנדע האָר.

— דעבי? — האָט זי אויפגעהערט קעמען די האָר און זיך אויסגעדרייט צו דער מוטער: פאַרוואָס פרעגסטו? דו ווייסט דאָך אַז זי נעמט פון יעדן איינעם און נאַרט אָפּ די לערערס.

די דאָזיקע טענה האָט אסתר מער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן.

— איך פרעג דען דיך צי זי האָט היינט אויך געפעלשט? כ'פרעג דיך בלויז וויפל זי האָט געקראָגן.

— נו, דערפאַר איז עס דאָך! — האָט גלאָריע געענטפערט מיט פאַרדראָס. — ווייל זי האָט היינט אויך געפעלשט, האָט זי דערפאַר געקראָגן 95.

אסתרס אויגן האָבן זיך צעשמעלערט און די דינע ליפּן האָבן געפיבערט: — פינף און ניינציק ?!

עפּעס אין איר אינגעווייד האָט זיך אַ וואָרף געטאָן, אַ טרייב געגעבן אירע פיס נענטער צו גלאָריען, עלעהיי גע־ שטויסן פון אַ שטורעמווינט—און ס'האָבן גענומען פליען פּעטש און קלעפּ.

די שלאַנקע גלאָריע איז מיטן קעמל אין האַנט געפאַלן אויפן בעט. זי האָט זיך געדרייט אויף אַלע זייטן, געהעשעט, געהאַלטן איר פּנים אין די הענט און פאַרקוועטשט די אויגן.

ווי אין שגעון, האָט אסתר נישט געוווסט וואָס ס'טוט זיך מיט איר. זי האָט בלויז געפאָכעט מיט אירע הענט און געשריען מיט אַ היסטעריש־וויינענדיק קול:

— דו וועסט אַלע מאָל קומען מיט תירוצים, אַז דעבי גנבעט אירע ענטפערס פון אַנדערע, פון בעסערע פון איר, דערפאַר קריגט זי גוטע צייכנס? דו וועסט מיר אַלע מאָל דערציילן מעשות, אַז יעדער אין סקול, אויסער די לערערס, ווייסט עס, נאָר קיינער וויל נישט מסרן? גוט, זאָל זיין אַזוי... אויב דו האָסט אַ גוטן קאָפּ, ביסט אינטעליגענט, און די לערערס קענען זיך נישט אויף דיר, זיי זעען נישט איין אַז פון דיר קאָן מען דערוואַרטן מער ווי פון אַנדערע, און אַז דערפאַר דאַרפן זיי פאַרזען קלייניקייטן, געוויסע טעותים, איז טו־זשע דאָס זעלבע וואָס דעבי... פעלש, נאָר אָפּ, אַבי קריג גוטע צייכנס!...

אָנגעשלאָגן, אָנגעשריען זיך, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, אַריינגעטאָן דאָס פּנים אין די הענט און זיך צעיאָמערט העכער ווי די טאָכטער.

— צוליב וואָס — האָט זי אַריינגערעדט אין די האַנטפלאַכן — ברענג איך זיך אַוועק אַלע מיינע יאָרן פאַר דיר, זינט ד'ביסט געבוירן געוואָרן? צי טראַכט איך וועגן זיך, אָדער וועגן אַ ניי קליידל, וועגן שווילטאָג? איך לייג דאָך אַלץ אַריין אין דיר... דו גייסט אָנגעטאָן ווי די רייכסטע טאָכטער... מ'שיקט דיך אין טעאַטערס, צו קאָנצערטן... מ'וויל דו זאָלסט וויסן אַ סך, אויסברייטערן דיין בילדונג... דער טאַטע און איך ווילן דאָך אַז דו זאָלסט אויסוואַקסן אַ לייט, מער ווי דער טאַטע און איך האָבן געקאָנט דערגרייכן. איך האָב אפילו הייסקול נישט געקאָנט פאַרענדיקן... ווען מיין טאַטע איז געשטאָרבן, בינ'ך בלויז געווען צוועלף יאָר אַלט, און צו פופצן האָב'ך שוין געמוזט גיין אַרבעטן און אויסהאַלטן מיין מאַמען און מיך— — —

4.

אויפגעשטאַנען פון דער שטול איז זי, ווען די נאַכט איז שוין געהאַט צוגעפאַלן און ס'האָט זיך דערהערט אַ קלונג פון דער אַפּאַרטמענט טיר. זי האָט זיך אויס־געווישט די אויגן, צורעכט געמאַכט אויף זיך די האָר, דאָס הויזקליידל וואָס זי האָט געטראָגן, און איז אַרויס פון שלאָפצימער. איצט האָט זי דערוואַרט דעם מאַן פון דער אַרבעט און נישט געוואָלט ער זאָל גלייך ביים אַריבערטרעטן די שוועל דער־זען אין איר אַז עפּעס נישט־פריילעכס איז אין הויז פאַרגעקומען. צו וואָס דאַרף ער האָבן עגמת נפש? ווייניק ליידט ער ביי דער אַרבעט? ער איז אַזאַ סענסיטי־ווער, אַז ער וואָלט שוין נאָך דעם נישט געגעסן דאָס אָונט־מאָלצייט.

אָפּגעעפנט די אַפּאַרמענט־טיר, האָט זי אָבער געזען עמעצן אַנדערש. ביי דער שוועל איז געשטאַנען אַ הויכע, בלאָנד־געפאַרבטע יונגע פרוי, מיט אַ ציגאַרעטל צווישן אירע ווײַן־רויטע ליפּעלעך, און מיט אַ טריב פּנים. געווען איז זי — די גרינג־קעפּיקע פריינדין לאַראַ.

— וועסט נישט טרעפן, אסתר — האָט זי אַריינגעשלייכט אין קאָרידאָר אַריין מורמלענדיק — צו וואָס כ'בין אַצינד געקומען...

אסתר, פאַרצאָגט, האָט געהאַלטן אונ־טערן בוזעם די הענט, וואָס האָבן איר ווי געטאָן פון די פּעטש און קלעפּ, און געקוקט אויף דער „בלאָנדינקע", וואָס איז געווען שטאַרק דערשלאָגן, אַרויס־לאָזנדיק רויך־רינגעלעך פון אירע נאָז־לעכלעך.

— מיין טאָכטער דעבי — האָט זי נאָך אַ ווײַלע פאַרקלעמפּטקייט ווידער געזאָגט — האָט מיך איבערגעפירט...

— וואָס מיינסטו?

— דאָס, וואָס כ'האָב דיר פריער גע־זאָגט וועגן דעם סקאַלערשיפּ, איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן...

ביי אסתרן זענען די אויגן געוואָרן צע־שאַרצט און גלאָזיק ווי ביי אַ פּופּע.

— וואָס מיינסטו? — האָט זי ווידער געפרעגט.

— דאָס וואָס דו הערסט...

— ווי איז דאָס מעגלעך?

— איך האָב עס אויך נישט געגלייבט. אָבער זי האָט מיר געזאָגט פאַרוואָס זי האָט מיך אָפּגענאַרט.

אסתרן איז איצט נישט אָנגעגאַנגען פאַרוואָס די „בלאָנדע" פריינדין איז אָפּ־גענאַרט געוואָרן פון איר טאָכטער. כלומרשט פון פאַרדראָס וואָס דעבי האָט נישט געקראָגן דעם סקאַלערשיפּ, האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אַרויסגעוויזן אַ סך מיטגעפיל, בעת די אַנטוישטע פריינדין האָט מיט גרויס ערגערניש דער־ציילט די פּרטים. וואָס דען? — האָט זי, אסתר געטראַכט — אַ וועלט איז משוגע? מ'וועט געבן אַ סקאַלערשיפּ צו אַזאַ טוי־געניכטס ווי ס'איז די אָפּנאַרערישע דעבי?

אַז לאַראַ איז אַוועק, האָט אסתר זיך צוריקגעקערט אין קיך. זי האָט אָנגע־צונדן דעם סופּיט־לאָמפּ און זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף אַ שטול ביים טיש. איצט איז זי געווען מער צעטראָגן ווי פריער. דאָס מאָל האָט זי נישט געוווסט ווי אַזוי זי וועט קאָנען קוקן איר גלאַריען אין די אויגן אַריין; ווי אַזוי צו רעדן אַנדערש צו איר; וויאַזוי צו אַנטשולדיקן זיך און בעטן זי מוחל צו זיין.

אין דער אמתן וואָלט זי זיך דאָך נישט געווען אַרויפגעוואָרפן אויף דער טאָכטער, ווען נישט דער פאַרדראָס איבער דעם סקאַלערשיפּ. וואָס, וואָס, אָבער גלאַריע קריגט דאָך, אַחוץ אין כעמיע, גוטע ציי־כנס אין אַלע לימודים. און וואָס איז דער מאַלער מיט 75 אין כעמיע? די לערערס אַליין זאָגן דאָך אַז כעמיע איז אַ האַרטע נוס צו צעקנאַקן. און דאָך האָט גלאַריע אַ מעגלעכקייט צו זיין די געווינערין פון אַ סקאַלערשיפּ.

מיט געפאַלנקייט פאַר איר פריערדיקן אויפפירן זיך איז זי אויפגעשטאַנען פון דער שטול, אַריין אין דער טאָכטערס שלאָפצימער און האָט דערנענט צו גלאַ־ריען, וואָס איז נאָך געלעגן צונויפגע־קאַרטשעט אויפן בעט.

— כ'האָב נישט געמיינט פריער — האָט זי שטאַמלענדיק געשעפּטשעט צו דער טאָכטער — אַז דו זאָלסט זיך טאַקע אויפ־פירן ווי דעבי. חס וחלילה... ביי מיינע טאַטע־מאַמע אין הויז האָט מען נישט גע־לעבט אויף פאַלשקייט, אויבוויל ס'זענען

געווען צייטן ווען מ׳האָט זיך נישט גע־קאָנט קויפן קיין מלבוש. ס׳איז אויך נישט געווען אויף קיין רעגנט. מיין טאַטע, אַ זייער שובער מענטש, אַ יודע־ספר, אַן איידעלער, האָט זיך נישט געקאָנט וואַרפן צו פאַרשיידענע פּרנסות. ווי אַן אימיגראַנט איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ שאַפּ, געצויגן חיונה פון שניידעריי, און אַזוי איז ער שוין געבליבן ביי דעם, כאָטש קיין גאַנץ יאָר אַרבעט איז דערביי נישט געווען. דאָך איז אין הויז אַלץ געווען בכבוד. מ׳האָט זיך נישט געלאָזט אויף קיין קרומע וועגן... און ביי אונדז דאָ אין הויז איז דען אַנדערש?... איז אַזוי וויל איך זאָלסטו אויך זיין אין דיין אויפפירן זיך. זאָלסט נישט אָפּנאַרן... וויפיל דו פאַרדינסט זיך אין דיין סקול־אַרבעט, אַזוי פיל דאַרפסטו קריגן, און זיין צו־פרידן. זאָלסט קיין מאָל נישט מקנא זיין...

גלאָריע האָט ווידער אַרויפגעטאָן אירע הענט אויפן פּנים און שטאַרקער זיך צע־וויינט. דער מוטערס צערעדן זיך, די חרטה אויף איר אויפפירן זיך, דאָס האָט זי גערירט. אָבער זי אַליין האָט גאָר נישט געקאָנט אַרויסברענגען פון איר מויל. און צו זאָגן האָט זי געהאַט אַ סך. ס׳איז געווען פון גאָר גרויסן באַדייט. זי האָט דערמיט בדעה געהאַט צו וואַרטן ביז דער פאָטער וועט קומען אַהיים פון דער אַר־בעט. דעמאָלט האָט זי פאַר טאַטע־מאַמע געוואָלט אַנטפּלעקן אַז זי האָט געקראָגן דעם לאַנג־געוואַרטן סקאָלערשיפּ, און אַז די סטודענטן האָבן איר געמאַכט אַן אָוואַציע.

סוף־כל־סוף האָט זי זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון אַנטפּלעקן און דורך טרערן אַרויסגעכליפּעט: — כ׳האָב אין כעמיע געקראָגן 95... אָבער כ׳האָב עס דיר גע־וואָלט זאָגן צוזאַמען מיט אַן אַנדערער גוטער בשורה, וואָס דו וועסט זיך דערמיט שטאַרק פרייען. און אויך דער טאַטע... מ׳האָט פון סקול־אָפיס געלאָזט וויסן אַז מ׳האָט מיר צוגעטיילט דעם סקאָלערשיפּ...

ביי אסתרן איז דאָס בלוט אָפּגעלאָפן פון די דינע באַקן. די אויגן זענען גע־בליבן שטיין אַן אַ פּינטל. די ליפּן האָבן זיך צוביפגעצויגן אַזוי שטייף, עלעהיי זי וואָלט געליטן פון אַ קאָפּ־שניידנדיקן צאָן־ווייטאָג. זי האָט געוואָלט אַראָפּלאָזן זיך אויפן בעט, אַרומאַרעמען די טאָכטער, לייגן דאָס פּנים אויף איר קאָפּ און קלאָגן פאַר חרפּה און בושה. זי האָט עס אָבער נישט געקאָנט טאָן. אין לופטן פון שלאָפ־צימער האָט זיך צעטראָגן אַ צעברעקל־טער קלונג פון דער אַפּאַרטמענט־טיר— און זי האָט עס גערן געהאַט. ס׳וועט איבעררייסן איר געפּאַלנקייט ביי זיך.

— דער טאַטע קומט.... האָט זי שטאַמ־לענדיק געפּליסטערט. — כ׳על גיין עפענען. אַז ער׳ט הערן די בשורה, וועט ער באַלד זאָגן מ׳זאָל מאַכן אַ יום־טוב אין הויז... און מ׳וועט עס טאַקע טאָן, בת־יחידה מיינע...

זי איז אַרויס אַ צעטומלטע — און גלאָריע איז אַראָפּ פון בעט. זי האָט זיך אויסגעווישט די אויגן, אַזוי אַז דער פאָטער זאָל נישט חושד זיין אַז עפּעס איז געשען צווישן איר און דער מוטער.

---

## צו אונדזערע לייענערס:

מיר בעטן אייך איינצוצאָלן דעם חוב פאַר אייער יערלעכן אַבאָנימענט פאַרן „**חשבון**". אונדזער זשורנאַל שטיצט זיך דורכויס אויף אונדזערע לייענערס. אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר.

די פאַרוואַלטונג

---